STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05412

KEMP KINDERLAND ALBOM

Solomon Davidman

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by James North & Dr. Richard Ruth
in honor of
the milestone birthday of Dr. Zelda Porte*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קינדערלאַנד
קעמפ אַלבאָם



פון שלוימע דאַווידמאַן

דער קינדערלאַנד-פלאָט



אינהאַלט :

מיר זיינען מיליאָנען. דער העלדישער פליער (ענגליש).
אידיט סיגל. אין דעם לאנד וואו מע לעבט אייביג. זע נאָר
וואָס פאר א קעמפ מיר האָבן. קעמפ קינדערלאנד אונזער
שטאָלץ. מענדי שיין. דער גרויסער צירק.

פרייז פון יעדעס ביכל 50 סענט און מער.
אויב איר ווילט פארשפרייטן א צאָל קאָפיעס, דערוואַרט
אייך א מאָטאָנגע אין ווערטפולע ביכער.
שרייבט זיך דורך : ש. דאַווידמאַן, 3110 ברייטן 3-טע
גאַס, ברוקלין נ. י. 1 1 2 3 5

די ערשטע קעמפ-קינדערלאַנד בילדער זיינען
גענומען פון דעם קאָלעקטאָר-שוער אין פאָטאָגראַפיר
ב. זוסקאָוויטש.
ביכל 1. ברידער און שוועסטער. ביכל 2.
קעמפ-קינדערלאַנד. ביכל 3. אַלבאָם דערמאָנט אײַך.



מע דערציילט אַ מייסע

קעמפ קינדערלאַנד – אונזער שטאָלץ

דער צוציאונג- קויעך פון קינדערלאנד ליגט אין דער דערציאונג , וואָס מע גיט די קינדער אויף א גרויסן פארנעם אויף פארשיידנארטיגע אויפאנים.

איך וואָלט פארגלייכט קעמפ קינדערלאנד צו א גרויסן מוסטערהאפטן קינסטלערישן בוך : קינסטלעריש געשריבן, קינסטלעריש באצירט מיט הויך -קוואַליפיצירטע צייכענונגען, געדרוקט אויף א מין פארמעט פאפיר מיט גאָלדענע אויסיעס, געבונדן און צענויפגעשטעלט פון פאכלייט, וואָס ברייגען מיט זייערע פאך - קענטעניש צו דער מאדרייגע פון קונסט.

קומט מיט אונז אויף א קורצן טור.

מע קומט אלע צוזאמען אין קעמפ אריין. די גרינע גראָזן און ביימער , דער זילבערנער טייך, . די באַנגעלעך באגעגענען די קינדער מיט פרייד. יעדע גרופע מיט איר קאנסעלער מארשירט גלייך אוועק אין איר זומער - היים אריין. די ערשטע לעקציעס ווערן גע-

גיבן וועגן אליין מאכן די בעטן ,האלטן אין אָר-
דענונג די קליידער,זיך ארומוואשן ,מארשירן צוזא -
מען אין עס - צימער,עסן צוזאמען.דאָס קינד ווערט
ארייננגעבראכט אין זיין לאנד אריין,קינדערלאנד,אין
זיין וועלט , ער דארף זיך, אין א גרויסער מאָס,אליין
פארזאָרגן .

די באַנגעלאָ ווערט אָרגאניזירט אין א קאָלעקטיוו,
וואו איינער דארף באדינען א צווייטן.מע דערוויילט
באאמטע:פאָרזיצער,סעקרעטאר,ספּאָרטמאן, בריוועטרעגער ,
לאָנדרימאן א.א.וו. יעדעס קינד ווערט א וויכטיגער
באשטאנד פון דער זומער- שטאָט.

דעם ערשטן פרימאָרגן שטייט שוין דער גאנצער קעמפּ
אויף דורך דעם רוף פון דער סירענע.מע טוט זיך אָן
שנעל און שיין,מע וואשט זיך גוט ארום,מע שטעלט
זיך אויס אין רייען,- און אונטער די קלאנגען פון
פייקלעך מארשירט מען פון די בארג-און-טאָל באַנגעלעך
צו צוויי אין א ריי,צום סאלוט,אויפן סקווער. די
פאָן ווערט ארויפגעצויגן .

פון פרישטיק וועלן די קינדער גיין אין באַנגעלאָ
מיטן קאנסעלער.זיי וועלן מאכן די בעטן,אויסריינ יגן
די באַנגעלאָ,שרייבן בריוו צו די עלטערן.דערנאָך וועלן
זיי זיך לאָזן צו פארשידענע ארבעטן:פוצן די באַנגעלאָ,
קלייבן בלומען און שיינע גראָזן,מאָלן,גאָרטן - ארבעט,
אויסשטעלונג,ביבליאָטעק,שול - שטונדע,לערנען אידיש,
מוזיקאלישע איבונגען,פאָסט - אָפיס,לאָנדרי,שפיטאָל,
סטאָליעריי,פלעכטן, נייען,- די בויער פון קינדערלאנד
שטעלן זיך צו זייערע ארבעטן מיט דער הילף פון די
קאנסעלער - לערער .

דער צווייטער האלבער טאָג הייבט זיך אָן מיט א רו-
שטונדע.דערנאָך לאָזט מען זיך אוועק אויפן גרויסן

ספארט-פעלד: בעיס-באל, וואלי-באל, בעסקעט- באל, שפרינגען, לויפן, ציען, - אלערליי ספארטן צוגעפאסט לויטן עלטער פון 6 ביז 14 יאר. אדער מע לאזט זיך אוועק צום טייך שווימען און שיפן זיך, וואסער -ספארטן, פארוועטן, וואסער - קארניוואלן.

די אוונטן ווערן אויסגענוצט לויט גרופעס, לויט עלטער, פאר פארווײלונגען, לידער, געזאנג, טאנצן, שפילן, שמועסן, לעקציעס, מאוויס, קאנצערטן.

דער גאנצער טאג גייט אוועק מיט לערנען, דערציען, אנווייזן, ארויסהעלפן דעם קינד, אים אנטוויקלען. דאס קינד פילט גארניט, ווייסט גארניט, אז ער ווערט דערצויגן, איבערדערצויגן. ער ווערט געלערנט אויסצואוואקסן א נוצלעכער מענטש, א גוטער אמעריקאנער, א באוואוסטזיניגער איד, - א פראגרעסיווער בירגער אין אונזער געזעלשאפט.

א צאל פון אונזערע זין און טעכטער (אויך מיינע), וואס זיינען דערצויגן געווארן אין קעמפ קינדערלאנד, זיינען שוין איצט אליין קאנסעלער אין קעמפ און-גיבן איבער זייער דערפארונג צו נייע דורות.

דער הויפט -יאנטעוו אין קעמפ איז שאבעס און זונטאג. טיילוויז הייבט זיך אן דער יאנטעוו פרייטאג אוונט מיט א מאווי.

שאבעס און זונטאג זיינען די קינדער אויסגעפוצט אין ווייסע קליידער. געזאנג און שפיל פארהילכן דעם קעמפ. די פאן- סאלוטן האבן אינהאלט. זיי ווערן געווידמעט גרויסע מענטשן, אידישע שרייבער, וויכטיגע געשעענישן.

דער קלימאקס פון יאנטעוו אין קעמפ קינדערלאנד ווערט דערגרייכט דורך צוויי גרויסע מאסן-פארשטעלונגען, וואס ווערן דורכגעפירט אין מיט, און צום ענדע פון סעזאן. א פארברייכער ספעקטאקל פון פארשידענע קולטורן און זייערע ראליעס אין דער אמעריקאנער געשיכטע.

אונזער קעמפ קינדערלאנד איז איינגעוויקלט אין קישעף. איר קומט נאר איינמאל אין קעמפ אריין און זעט

דאָס לעבן און די אקטיוויטעטן פון די קינדער,ווערט איר ווי פארקישעפט און עס ציט אייך יעדן זומער אין קעמפ אריין.(זשורנאל " אונזער וואָרט ",יוני-יולי,1945)

Mendy Shain

מ ע נ ד י ש י י ן

קינדער,קינדער,זאָל זיין שטיל;
הערט זיך צו דאָ מיט געפיל ;
הערט זיך צו דאָ מיט געדאנק.:
ס'איז א מייסע פון א יונג ,
וואָס האָט געהאט א שארפן קאָפּ;
יעדעס וואָרט,א מין געזאנג ,
יעדע זילב,א זיסער קלונג .
ער האָט געהאט א שלייפע צונג.
געהאט האָט קישעף אין די
הענט : מיטן שטעקעלע א מאך,
ווערן אלע מענטשן וואך;זינ-
גען מיט פון זאל די ווענט ;
געווען א גיבויר,אזא מין העלד,- זיי קומען ווייניג אין דער וועלט.

געהאט א שטימע פון א לייב.יעדע זילבע,א מין לויב.מיט א שמייכל אויף דער ליפ,יעדער ריר ,איז ריטם,ליד.

וויל א קינד א שוך,א קלייד; וויל א קינד מיט-פוטער ברויט,זינגט איר מענדי א ליד פון פרייד,זינגט אים מענדי א ליד פון נויט; וויל א קינד א טאנץ,א שפיל, קומט געזאנג דאן מיט געפיל.

א ריז,די ברייט,שטענדיג גרייט מיט שוואונג און דראנג ;.א זאָג געטאָן : " נו,נו, " לעטס גאָו",פרייד צעשפרייט,דערלאנגט געזאנג "...

און עס זינגט באלד קינד- און- קייט .אזא ליבע, אזא פריידן...

ער שטייט אינמיטן פעלד און קוועלט ; עס
זינגט מיט אים דער טייך, דער וואלד ; עס זינגט
מיט אים די גאנצע וועלט ! קינדער -צויבער-וואונ-
דערלאנד, צויבער - לידער, וואונדער - שיין,-עס
שטראלט דער וואונדער - מוזיקאנט !

דאָס איז ניי-דאָ, עס זינגט זיך פריי-דאָ:
אָט - דא שטייט מענדי, דער זינגער - בוים, וואָס
זינגט אָן צוים,דעם שענסטן טרוים פון קינדערלאנד,
קינדער - צויבער - וואונדערלאנד,צויבער-לידער-,
עס שטראלט געזאנג פון מוזיקאנט !



א יאָנטעוו אין „קעמפּ קינדערלאַנד״

א קאָנצערט. הערט געזאנג פון שווערער אר -
בעט, ס'האָט די ווערט : קליינע קינדער , גרויסע קינ-
דער,ארבעט - קינדער,ארבעטער -זינגער ווייזן וואונ -
דערס, זינגען לידער. מידע גלידער זינגען לידער,
אזא האָפענונג, אזא גלויבן אין די לידער,אין די
לויבן ,אזא גליען אין די אויגן ! הערצער קלאפן ,
שטימען קלינגען, אזא פין זינגען מיטן וואונדער -

ברודער דיריגענט.

עס זינגט אין מענדין יעדער אייוועס, עס זינגט אין מענדין יעדער גליד. יעדער ריר פון האנט איז קישוף, יעדער ריר, איז ריטם, ליד. עס זינגען מיט אין זאל די מענטשן, מענטשן בענטשן מענדיס קישוף, מענטשן בענטשן מענדיס ליד. מענטשן קומען, מענטשן - בלומען, קומען זינגען דאָס געזאנג !... " זאָג ניט קיינמאל, אז דו גייסט דעם לעצטן גאנג !..."

+++ +++ +++

ס'איז שטיל אין זאל . עפּעס האָט געגעבן א שווערן פאל.. עס רופט א קאָל : "א דאָקטער , א דאָק- טער , מענדי איז געפאלן !..."

"ס'קאָן ניט זיין !...אזוי יונג ?!...אזא יונג ?!..."

אינמיטן ליד איז מענדי פון אונז אוועק !... און עס דאכט זיך , אז מענדי איז ניט געשטאָרבן, בלויז זיין קישוף האָט זיך אפגעשטאָן...און עס דאכט זיך , אז ער דאָ איצט צווישן אונז. ער זינגט מיט אונז אן אייגן ליד, א ליד פון טרויער און פון פרייד, א ליד פון גלויבן און פון גליק !...

קינדער, קינדער, זאָל זיין שטיל! הערט זיך צו דאָ מיט געפיל, הערט זיך צו דאָ מיט געדאנק; ס'איז א מייסע פון געזאנג, ס'איז א מייסע פון א יונג, וואָס האָט געהאט א שארפן קאָפּ, יעדעס וואָרט , א זיסער קלונג; ער האָט געהאט א שלייפע צונג...און, אוי-וויי, געשטאָרבן אזוי יונג...

הערט א נאָמען , מ ע נ ד י ש י י ן! הערט א נאָמען, פול מיט כיין! אך, ווי שיין!...

מענדי שיין , מענדי שיין , זינג א ליד פון פרייד , געוויין !...

(וואריאנט. אָקט.1954. בראיטאן- ביטש)

זע נאָר, וואָס פאַר אַ קינדערלאַנד־קעמפּ מיר האָבן

גייט זיך אַזוי אַוורעמעלע מיטן לערער. זיי גייען געמיטלעך און שמייכלען. אַוורעמעלע טראָגט די העפטן, בלייפעדערס און קרייד. דער לערער טראָגט די ביכער, ווייל די ביכער זיינען שווערער. זיי גייען מיטן באַרג אַראָפּ־צו.

אַוורעמעלע איז דאָס ערשטע מאָל אין קעמפּ. אַ קליינטשיקער אזא איז אַוורעמעלע. נאָר אַ לעבעדיקער, אַ רירעוודיקער. אינגאַנצן איז ער אַלט אַכט יאָר, נאָר ער רעדט אידיש, ווי אַ גרויסער.

— דו ווייסט, אַוורעמעלע, אַז דו רעדסט זייער גוט אידיש, זייער אַ פיינעם אידיש, דו קענסט שוין באַלד זיין אַ לערער! — זאָגט דער לערער.

לאַכט אַוורעמעלע פון דעם לערערס זאָג און ער מאַכט:

— סאַ מאָשל, ווען איך בין אָנגעקומען אין סקול אַריין, האָב איך קיין ענגליש ניט געקאָנט. האָט די לערערין געמיינט, אַז איך בין נאָר וואָס אָנגעקומען פון אייראָפּע! — באַרימט זיך אַוורעמעלע.

אַוורעמעלע האָט רויטע האָר. רופט מען אים „רויטער קאָפּ”. נאָר ס'אַרט אים ניט, ווייל זיין טאַטע איז אויך אַ רויטער און דער לערער איז אויך אַ רויטער, וואָס־זשע אַרט עס אים, אַז מע רופט אים רויטער קאָפּ!

זיין מאַמע האָט מוירע געהאט אים צו לאָזן פאָרן אין קעמפּ קינדערלאַנד: ווי אַזוי לאָזט מען אַוועק אַ אינגעלע פון אַכט יאָר פון דער היים? אַ אינגעלע, וואָס איז אלע זיינע יאָרן געווען אין דער היים מיט דער מאַמען, מיטן טאַטן, זאָל זי אים איצט אָפּלאָזן? — נאָר אַז זי האָט געהערט, אַז אַוורעמעלעס שול-לערער פאָרט אויך אין קעמפּ

אַריין און ער וועט זיין דאָרטן אַן אויפפּאַסער און אוורעמעלע וועט זיין באַ אים אין באָנגעלאָ, איז וואָס־זשע האָט

זי מוירע? — האָט זי אים געשיקט.

גייען זיי אַראָפּ־צו, מיטן באַרג. אַוורעמעלע טראָגט די העפטן און די שרייב־פּענדלעך און קרייד און דער לערער טראָגט די ביכער, ווייל די ביכער זיינען שווערער.

— ווייסט, אַוורעמעלע, באַלד וועט זיך צעפּייפן אַ פּייף, אַז דער גאַנצער קעמפּ וועט עס דערהערן. — זאָגט דער לערער.

— אַ פּייף, וואָסער פּייף וועט עס זיין? — אַז מילך טרינקען מיר 4 אזייגער, אויפשטיין, שטייען מיר אויף 7, לייגן, לייגן מיר זיך 8 און עסן, עסן מיר 1, איז וואָס פאַר אַ פּייף וועט עס קענען זיין? — וואונדערט זיך אַוורעמעלע און צעעפנט ברייט די אייגעלעך.

— דער שול־פּייף! — לאַכט דער לערער, וואָס אַוורעמעלע ווייסט נאָך ניט — צען אַזייגער וועלן אַלע קינדער גיין אין שול, וואָס דער קעמפּ האָט איינגעשטעלט.

— אַ סאַך שולן, לערער, וויפל שולן זיינען דאָ אין קעמפּ? — פרעגט אַוורעמעלע.

— דער גאַנצער קעמפּ איז איין שול, נאָר מע קען דאָך ניט לערנען מיט קיין 400 קינדער מיט איין מאָל, האָט מען איינגעשטעלט קלאַסן, 15 קלאַסן, און יעדער קלאַס איז אַ שול פאַר זיך.

— איי־אַיי־אַיי — קראַצט זיך אַוורעמעלע אין זיין רויט קעפּעלע — גאַנצע 15 שולן. אוי, זע נאָר, ווי דער סילוועץ טייך ליגט ווי אַ שפּיגעלע, זעסט?

— צי איך זע, איך קען שוין דעם טייך פאַר יאָרן און יאָרן. דאָס גרייט ער זיך איצט צו, אַז באַלד נאָך דער שול־שטונדע, וועלן זיך די קינדער גיבן אַ טו איבער און מע וועט זיך לאָזן צום טייך באָדן! — מאַכט דער לערער.

— א־מיי — זאָגט ווייטער דער לערער — וואַרט דאָרטן דער גרויסער ספּאָרט־פעלד, ער וועט ניט אַנטלויפן, ער וואַרט, אַז אַלע קינדער וועלן זיך גיבן אַ לאָז אַהינצו מיט די באָלן מיט די „בעטס" מיט די שטריק און מיט די שטייגלעך, די אייזערנע מאַסקע־שטייגלעך, וואָס מע טוט אָן אַפן פּאַנעם דער „קעטשער.

לאַכט ער, אַוורעמעלע, ס'איז אים אַזוי גוט. און מיטאמאָל גיט זיך אַ צעלאָז די סירענע מיט אַ גרויסן פּייף, אַזאַ גרויסן פּייף, וואָס סע צעטראָגט זיך איבער אַלע טיילן פון קעמפּ: איבער די וועלדלעך, איבערן טייך, איבער די באָנגעלעך, איבערן שפּיטאָל און דער ביבליאָטעק און קומט אזש אַרויף אַהערצו, אַפן בערגל, וואו אַוורעמעלע מיטן לערער גייען.

גיט זיך אַוורעמעלע אַ פאַרשטעק די אויערן מיט די פינגער: — או־וואַ, או־וואַ, אַזאַ פּייף, אזא גרויסער פּייף?!

— מאַכט אַוורעמעלע.

— און איצט קוק אַראָפּ פונעם באַרג, זעסט — מאַכט דער לערער — ווי די קינדער גייען שוין מיט די העפטן, מיט די ביכער און די בלייער אין שול אַריין?

— איך זע, איך זע, אַוואַדע זע איך, אַיי-אַיי-אַיי — קראַצט זיך שוין ווידער אַוורעמעלע — עפשער וואָלטן מיר זיך דורכגעגאַנגען לעבן אַלע שולן, האַ, לערער?

— יאָ, יאָ, אַוורעמעלע — מאַכט דער לערער — מיר וועלן טאַקע דורכגיין לעבן אַלע שולן, ווייל אונדזער שול איז דאָרטן אַזש, אַפּיס, לעבן באַנגעלאָ 8.

און אַוורעמעלע און דער לערער גייען שוין אַביסעלע

באַדן זיך

שנעלער: אָט דאָ, לעבן באַנגעלאָ 25, לערנען די 4-טע קלאַסניקעס. ס'איז דאָ גוט צו לערנען, ווייל אַנטקעגן ליגט דער טייך און קוקט אַף דיר. אָט דאָ, צווישן די באַנגעלעך 22-21, אַרום דעם לאַנגן טיש, אַף די לאַנגע בענק, לער־נען די 3-טע קלאַסניקעס. זיי איז גוט, זיי געפינען זיך אַזוי ווי אין אַ סוקע צווישן ביימלעך.

און אָט דאָ, לעבן באַנגעלאָ 19, איז גאָר אַ מעכייע, דער טיש איז אין אַ וועלדעלע און ווען מ'ע שטעלט זיך

אַרויף אַפן טיש און מע גיט אַ גרויסן שפּרונג, גאָר א גרויסן שפּרונג, ווי טאַרזאַן, שפּרינגט מען אריבער אַלע ביימער פון ווּעלדל און פּוץ, גלייך אין וואַסער אַריין.

און אַט דאָרטן, צווישן די באַנגעלעך 13-14, זינגט שוין דער לערער מיט די קינדערלעך. דאָס זיינען די אָנפאַנגער, די קינדער, וואָס זיינען נאָך אין קיין שול ניט געגאַנגען.

— נאַר, אַוורעמעלע, קום שנעל, מיר האָבן קיין צייט ניט איצט אויסצוזען און אויסצוזיין אין אַלע קעמפּ־שולן, מירן שוין זיין אַן אַנדערש מאָל — יאָגט דער לערער, — מיר דאַרפן דאָך זיין אין צייט אין אונדזער שול לעבן באַנגעלאָ 8.

— או־וואָ, או־וואַ, אַזעלכע שיינע שולן, לערער, — שמייכלט אַוורעמעלע, — און וואו־זשע זיינען די איבעריקע שולן?

— און די איבעריקע שולן, — גייט שוין דער לערער שנעל, — די איבעריקע שולן, ניטאָ קיין איבעריקע שולן, אַוורעמעלע, — וויצלט זיך דער לערער, — די אַנדערע שולן געפינען זיך דאָרטן, אויבן, אין דער טענט־קאָלאָניע, פאַר די מיטלשולניקעס, אין דער ביבליאָטעק, וואָס אַפן באַרג לעבן שפּיטאָל און נאָך און נאָך און נאָך. קום, קום שנעלער. אין איין טאָג ווילסטו אַלץ וויסן, אַוורעמעלע. מע דאַרף ניט. די וועלט זאָגט א ווערטל: „אז מע וויל אַלצדינג וויסן מיטאמאָל, ווערט מען גיך גרוי און אַלט!‟

לאַכט אַוורעמעלע פון לערערס זאָגן און לערערס ווערטלעך. אַ גאַנצער ווייסער, דער לערער, אַלצדינג ווייסט ער. און אים איז גוט, אַוורעמלען, וואָס ער איז אין קעמפּ קינדערלאַנד. ער וועט שוין דאָ אַ סאַך לערנען און האָבן אַ סאַך פאַרגעניגנס. ס'איז דאָך דאָ אַזוי גוט: טייך, גראָז און ביימער; מוזיק, ספּאָרט און שפּיל, און אַ לערער מיט אַ שול דערצו.

וועט ער נאָך היינט פאַרנאַכט שרייבן אַ קאַרטל צו זיינע עלטערן:

„טייערער טאַטע און טייערע מאַמע!‟

און ער וועט זיי באַשרייבן דעם גאַנצן קעמפּ און בעטן מע זאָל יעדן איינעם פון זיינע פריינט איבערגעבן, וואָס פאַר אַ טייערער קעמפּ דאָ איז. און צום סאָף וועט ער אויסמאָלן אַ בילד און אונטערשרייבן:

„זע נאַר, זע נאַר, וואָס פאַר אַ קינדערלאַנד־שול מיר האָבן.‟

געדרוקט: „מאָרגן־פרייהייט‟. מיי, 1940, נ.י.

מיר זיינען אַ מיליאָן

(דעקלאַמאַציע פון דער סעריע „פּאָליטאָגראַמען")

פון **שלוימע דאַווידמאַן**

א מיליאָן אידן
רעדן אויף מיין שפּראַך;
ווי די זעלנער,
שטייען אויף דער וואך!

זיי היטן אידיש
דינען זאָל דעם פרידן;
מיר זיינען א מיליאָן
פּראָגרעסיווע אידן!

וואַרשע, מאָסקווע און איסראַעל,
אומעטום זיינען מיר דאָ.
אונזער וואָרט איז [redacted] פון
מיט ליבע און מיט יאָ.

אונזער אידיש קעמפט,
קעגן אַלערליי פאַשיסטן —
קעגן אַלע מינים מערדער,
וואָס ווילן וועלט פאַרוויסטן . . .

ס'איז געקומען היינט
דאָס פרידן־וואָרט אויף אידיש —
איך הויב ערשט אָן א קאַמף,
מיט אַלע מיינע מיליאָן פריינט
קעגן אַלע מינים פיינט! . . .
סאָ בידעש?
וואָס אידיש
פירט א קאַמף פאַר פרידן?!

מיר זיינען שטאַרק!
מיר האָבן מוט!
אונז שרעקט ניט קיין
שום מוירע!

מיר זיינען
איבער וועלט
אַ מ י ל י אָ ן
פּראָגרעסיווע אידן! . . .

(געשריבן: 1טער יולי, 1963, ברוקלין, נ. י.)

עס געפינען זיך ביים שרייבער

א צאָל קאָפּיעס פון די פריערדיגע ביכער און ביכלעך. אויב איר זיינט פאַראינטערעסירט, שרייבט זיך דורך. אויב ביי אייך געפינען זיך ביכער און ביכלעך פון דעם שרייבער, און איר האַלט זיי ביים ארויסוואַרפן, טוט עס ניט, שיקט זיי צוריק צו[redacted]שרייבער.

אדרעסירט:
3110 Brighton 3rd St., Brooklyn, 35, N.Y., Apt. 5E — NI 8-0984
S. DAVIDMAN

שלום

אין דעם לאַנד וואו מען לעבט אייביק!...

● שלמה דאווידמאַן

ווייסט איר גאָר וואָס, קינדער, איך וועל אײַך דערציילן פון אַ לאַנד, וואו מען לעבט אייביק. שטעלט ניט אויס אויף מיר קײַן גרויסע אויגן. אַלצדינג וואָס איך וועל אײַך דערציילן איז אמת...

פאַראַן אַ לאַנד, וואו מען לעבט אייביק. מענטשן און זאַכן לעבן אייביק. פאַראַן דאָרט אַ טײַך, קוקט ער אויס ווי אַ גרויסער שפּיגל, אַ זילבערנער שפּיגל. און אַרום דעם ברעג שטייען וועלדלעך מיט פאַרשיידענע בוימער און בוימלעך און בלומען און גראָזן. און אין מיטן די וועלדלעך שטייען שטיבלעך פון אַלערליי קאָלירן.

און אַרום און אַרום ליגן בערג מיט קאָלירטע פעלדער. און ווען די לבנה קומט אַהין צוגאַסט און קוקט אַראָפּ אין יענעם לאַנד אַריין, לאַכט זי. און אין יענעם לאַנד איז זייער פריילעך. קיין מלחמות קומען דאָרט קיינמאָל ניט פאָר.

אַ גאַנצן ווינטער שלאָפט דאָס לאַנד מיטן טײַך, מיט די וועלדלעך, מיט די בערגלעך, מיט די שטיבלעך. אַלין שלאָפט אונטערן צודעק פון שניי. נאָר אַז ס'קומט דער זומער, כאַפּט עס זיך אויף, דאָס לאַנד, און עס הייבט אָן לעבן: די גראָזן, די בוימער ווערן גרין; די בלומען קריגן אַלערליי קאָלירן; די שטיבלעך צעעפענען טירן און פענצטער.

און אין אַזן שיינעם טאָג קומען אָן פון די קליינע שטעטן און וועגן הונדערטער און הונדערטער קינדער, קליינע און גרויסע, יונגע און עלטערע. זיי פאָרן אָן מיט געזאַנג און פרייד. זיי באַזעצן זיך אין די שטיבלעך און עס הייבט אָן לעבן און לאַכן און זיך פריילעך מאַכן.

דאָס גאַנצע לאַנד דאָרטן איז פול מיט געלעכטער, פרייד, טענץ, מאַרשן, מוזיק, ספּאָרט, טעאַטער, מוזאַוויס, קעמפּ-פײַערן.

און די אַלע זיבן חנע'ן, און די אַלע טויזנט פרייד, וואָס קינדער קענען אויסטראַכטן, אויסזינגען, אויסשפּילן, אויסטאַנצן, ווערן דאָרטן איינגעזאַפּט אין דער ערד; ווערן דאָרטן איינגעשפּונען אין די גראָזן און צווײַגן פון בוימער; ווערן דאָרטן אויסגעטרונקען פון שפּיגלדיקן טײַך, — און איבער די בערגלעך, איבער די וועלדלעך, איבערן גאַנצן לאַנד, הימל און דער לבנה פאַרבלײַבט די גרויסע פרייד אויף אייביק.

אַלין לעבט אייביק.

פאַראַן דאָרט אַ כּישוף-פּיאַנאָ. האָט זיך איינמאָל אַוועקגעזעצט בײַ דער פּיאַנאָ אַ געזאַנג-מײַסטער



יעקב שייפער

יאַנקל און האָט אַרויסגעכישופֿט וואונדערלעכע מעלאָדיעס פֿאַר ייִדישע לידער. ווערן די לידער געזונגען איבער דער גאַנצער וועלט. וועט שוין אייִביק לעבן דער גזאַנג-מײַסטער יאַנקל מיט די לידער.

פֿאַראַן דאָרטן אַ ייִדישע טשערעפּאַכע. פֿאַרוואָס אַ ייִדישע? — ווײַל אַ דיכטער-לערער נחום, וואָס האָט זי איינמאָל באַגעגנט בײַם ברעג פֿון טײַך, האָט אויף איר פּאַנצערל אויסגעפּאַרבט זײַן נאָמען אויף ייִדיש. זי דערמאָנט וועגן דעם דיכטער-לערער נחום, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ סך לידער וועגן דעם לאַנד וואו מ׳לעבט אוגביק. איז איבער דער גאַנצער וועלט, וואו ס׳איז פֿאַראַן אַ קינדער-שול, לערנט מען, דעקלאַמירט מען די לידער פֿון דעם דיכטער-לערער נחום. און דער דיכטער און די לידער און די טשערעפּאַכע וועלן לעבן אײַביק.

און ווידער איז דאָ אַ געשיכטע פֿון אַ בחור׳ל בעני. אָט דער בעני איז געווען אײַנער פֿון די גרעסטע שווימער, אָרקעסטער-פֿירער און איז געווען באַליבט איבערן אײַביק לאַנד. איז ער אויסגעוואַקסן אַ גרויסער העלד, אַ העלדישער פֿליער. ער איז געווען אַ גרויסער קעמפֿער קעגן היטלערן אין דער לעצטער מלחמה. און זײַן נאָמען איז פֿאַרשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע. אייִביק, אייִביק, וועט שוין לעבן דער בחור בעני...

איז וואָס זשע, איך וועל אײַך דען איצטער אויסדערצײלן אַלע טויזנט-און-אײן געשיכטעס פֿון יענעם לאַנד? —

ערשטנס, וועט עס נעמען טויזנט-און-אײן נאַכט צו דערצײלן.

און צווייטנס, אפֿשר וואָלט איר זיך אַליין דורכגעפֿאָרן אין יענעם לאַנד אַרײַן?!

דאָס איז דאָס לאַנד וואו מען לעבט אייביק.

דאָס איז אַ זומערלאַנד.

און דערפֿאַר, וואָס די מערסטע איינוואוינער זײַנען דאָרטן קינדער, ווערט עס אָנגערופֿן —

ק י נ ד ע ר ל אַ נ ד !...

מאַי 1948 יונגוואַרג"

א פרימאָרגן מיט דער טענצערין און דיכטערין אידיט סיגל (אונזער פראָגרעסיווע "סינ־דערעלאָ") פון שלוימע דאווידמאן

זונטאָג אינדערפרי, דעם 21-סן יאנואר, 1968, האָט דער "וועסט־ברוקלין" מאָרגן־פרייהייט" קאָמיטעט געהאט דעם קאָוועד און דעם פארגעניגן פאָרצושטעלן די כאַשעווע טענצערין און דיכטערין א י ד י ט ס י ג ל, ביים אָפען־פאָרום, אין 407 בראיטאָן ־ביטש עוועניו.

עס איז בעמעס געווען א שיינער קולטורעלער פרי־מאָרגן. די פארזאמלטע האָבן געהאט גרויס האנאָע. אידיט סיגל האָט זיך איבערטראָפן. מע דארף האָבן קויעך און טא־לאנט פאָרצולייענען א שטונדע מיט פופצן מינוט, אָן אויפ־הער, פאָעזיע, און האלטן דעם אוילעם געשפאנט.

פאר מיר און א צאָל פארזאמלטע האָט זיך אנטדעקט א נייע אידיט סיגל: א באגאבטע דיכטערין, פאר מיר, ווי אן אכט־יאָר־קאנסעלער: און לערער אין "קעמפ־קינדער־לאנד", איז אידיט סיגל געווען די טאנץ־לערערין. זי האָט געקאָנט אפילו א בער מאכן טאנצן. איך האָב אפילו ערגעץ, אין מעשעך פון די דערמאָנטע יאָרן, אָנגעשריבן א לידל וועגן איר. צי צו א קעמפ־פייער, צי גלאט אזוי, עס האָט זיך געגראמט אזוי:

טענצערין

שיין ווי אַ קינד,
גרינג, ווי דער ווינט,
פליט זי געשווינד.
אַ מאַך מיט דער האנט,
בלייבן אַלע געשפּאַנט,
גלייך שטיין, ווי אַ וואַנט.
אַ בויג מיט'ן קעפּל,
גרוים, ווי אַן עפּל.
אַ פאָך מיט'ן פוס,
גרוים, ווי אַ נוס.
אַ דריי מיט'ן קערפּער, ווי אַ גאַנדז
און ס'איז שוין פאַרטיק אַ טאַנץ.


EDITH SEGAL photo Kamen

גיי ריכט זיך, אז די באַגאַבטע טאַנץ-לערערין וועט ווערן אויך א באַגאַבטע דיכטערין.

די שטונדע און פופצן מינוט האָט זי פאַרנומען מיט לייענען, אויסזינגען, קימאַט- אויסטאַנצן, אויף א דראַמאַ-טישן אופן פון איר דריסן (און עפּשער פערטן) באַנד לידער. לידער אויף אידישע טעמעס: עליאַקום צונזער (איר מאַמע און פרוי צונזער זיינען געווען לייבלעכע פריינט און שכיינים אויף דער איסט-סייד, וואו אידיט איז גע-בוירן און דערצויגן געוואָרן); וועגן אַשווענטשים, וואו זי איז פּערזענלעך געווען; וועגן אומגעבראַכטן אידישן פאָלק אין פוילן, און אנדערע אידן, א דריטל פון אידישן פאָלק, - און אנדערע פאָלקס-מאָטיוון. אָבער, הויפּטזעכלעך, איז אידיט א דיכטערין פון-און-פאַר קינדער; פאַר די קינדער פון דער גאַנצער וועלט.

מאַקס דזשענקינס, אונזער כאַשעווער וועטעראַן-טוער און ארבקאַר, וואָס איז געווען פאָרזיצער ביים אָפּען - פאָרום מיט אידיט סיגל, האָט געלייענט אויף ר ו ס י ש אַן איבערזעצונג פון אידיטס לידער אין א רוסישן זשור-נאַל. אידיט האָט אונז געוויזן אַן איבערזעצונג אויף פ ר א נ צ ו י ז י ש פון אירס א ליד, מיט נאָטן. עס גייען אָן פאַרהאַנדלונגען וועגן איבערזעצן אירע קינדער-לידער אויף ה ע ב ר ע א י ש.

ווען איך שרייב די שורעס, ליגן פאַר מיר צוויי זאַמ-לונגען קינדער- לידער. איינס, " קום מיט מיר" (קאַם וויט מי) 64 זייטן, קינסטלעריש ארויסגעגעבן פון ציטאַדעל פּרעס. 49 לידער און פּאָעמעס אילוסטרירט פון סעמועל קיימען (איר מאַן), רעקאָמענדירט פון דר. בענדזשאַמין ספּאָק, דער בארימטער קינדער-דאָקטאָר-ספּעציאַליסט און שאַ-לעם - קעמפער, ער שרייבט : " עלטערן דאַרפן אַזעלכע בי-כער, אז זייערע קינדער זאָלן אָנהייבן דיינקען, ווען זיי זיינען יונג מיט ליבע וועגן קינדער מיט אַן

אנדער הויט ". לענגסטאָן היוז שרייבט: " קום מיט מיר" איז א זייער-ווארעם(לאָולי) ביכל, פערפעקט - קישעוודיג, פול מיט הומאָר און פארוויילונג. איך האָב עס זייער ליב " . ד ז ש י י מ ס פ א ר מ ע ר שרייבט:

" איינע פון די גרעסטע טראגעדיעס פון אונזער געזעלשאפט איז, וואָס סינע און פאָראורטייל ווערן איבערגעגעבן פון דאָר-צו-דאָר, אפילו אין די ביכער, וואָס אונזערע קינדער לייענען". " קום מיט מיר" איז א שיינער און ווערטפולער ענטפער צו דער פראָבלעם ".

ס' איז ניט שווער צו איבערזעצן א פאָר לידער אין דעם ארטיקל, איר, אייערע קינדער און אייניקלעך דארפן לייענען די לידער:

(ווי אר פיפל) מיר זיינען מענטשן

מיר זיינען מענטשן, איך און דו,
ווי די מענטשן, וואָס גייען פארביי,
מיר זיינען די זעלבע, אָבער פארשיידן אויך,
איך בין איך און דו ביסט דו.

די צווייטע זאמלונג הייסט: " זיי מיין פריינט" (בי מיי פרענד) 48 זייטן, ארויסגעגעבן פון זעלבן דערמאָנטן פארלאג, אילוסטרירט פון דעם באקאנטן אילוסטראטאָר-קינסטלער הערב קוירקמאן.

די ערשטע זאמלונג האט געהאט צוויי אויפלאגעס, 1963 און 1964. די צווייטע זאמלונג האט געהאט פינף אויפלאגעס: 1952, 1958, 1961, און 1964. "זיי מיין פריינט" איז אויך רעקאָמענדירט פון דר. ספאָק.

סין אַ'קייסי זאָגט: "די פּאָעמעס זיינען פּאָשעט און ווארעם. זיי מאכן אונז צו דערמאָנען, אז מיר זיינען געווען קינדער."

רובי די, שטערן פון בינע און טי-ווי זאָגט: "וואָס פארא ווארעמער מ א י כ ל, געלערנט, און עס ווילט זיך טאנצן. וואָס פאר אן אידייע! ". עס מאכט די קינדער פילן ווי פּאָעטן און שטאָלצע "...

דר. יאָאכים פּרינץ, פּרעזידענט פון אמעריקאנער אידישן קאָנגרעס, זאָגט: " א זייער ווארעמער און שיינער בייטראג צו די פּראָבלעמען פון לעבן צ ו ז א מ ע ן מיט פעל-קער פון פארשידענע ראסן און קאָלירן ".

" די גוירל סקאט לידער" (זשורנאל) שרייבט: " פול מיט פריילעכקייט פון קינדהייט".

אָט איז א לידל, וואָס רעדט פאר זיך אליין:

(איי דיפּערענט לענגוויטש) אן אנדער שפראך:

כ'האב באגעגנט א מיידל, וואָס איז געקומען פון
אן אנדער לאנד.
כ'האָב ניט געקאָנט איר שפראך, אָבער כ'האָב איר
גענומען ביי דער האנט.
מיר האָבן געטאנצט צוזאמען, און געהאט אזוי
פיל פרייד;
טאנצן איז א שפראך, וואָס קינד און גרויס
פארשטייט.

אידיט קומט ארויס פון דער אָ ר מ ק י י ט פון דער ניו-יאָרקער א י ס ט - ס י י ד, וואו זי איז גע-בוירן און דערצויגן געוואָרן. זי האָט געטאנצט אויף די טראָטוארן צו דער מוזיק פון אן אָרגל, אין די קארגע צוויי צענדליג יאָרן, האָט זי געוואונען דעם 7-טן פּריז

פאר אירע " ליריקס" און מוזיק אין א קאָנטעסט פון דער " העברי סעטלמענט קעמפ- ליד"...

אידיט איז אונזער " סינדערעלאָ". זי איז די טאנץ-מייסטערין פון אונזערע עלעמענטארע-מיטלשול- און העכע-רע שולן. און " קינדערלאנד- לעיקלאנד". זי איז א ו י ך אונזער קינסטלערין- דיכטערין פון א פּאָר דוירעס. זי איז אייביג יונג. זי איז די באצויבערין פון טויזנטער.

מיר האָבן זיך צעקושט ביי דער באגעגעניש. מיין זון ב ל ע ק י, וואָס איז א דערפּאָלגרייכער קינסטלער-מאלער-סקולפּטאָר(אדווערטייזער); מיין טאָכטער ב ר א ו נ י, וואָס איז איצט א סקולפּלערערין, כאָטש זי האָט דריי קינדער און א מאן א געהילף-פּרינציפּאל,-איז אויך א געראָטענע סקולפּטאָרין און טענצערין און הונדערטער געראָטענע קינ-דער האָבן, טיילווייז, צו פארדאנקען דער כאָשעווער דער-ציערין א י ד י ט ס י ג ל .

קינדער־טאָג

וואָס זשע טוט מען היינט אליין?
פריי איז קעמפּ היינט, פריי איז טייך,
וואוהין איך וויל מיר, קען איך גיין,
קעמפּ איז היינט דאָך שיין און רייך.

איך וועל קוויטשען, גרילצן העכער,
טומלען היינט ווי מיר געפעלט,
שפּרינגען וועל איך אָף די דעכער —
קינדערטאָג איז איינגעשטעלט!

ניט געקלערט און ניט געטראַכט,
באָדן זיך פון פרי ביז נאַכט,
מאַכן קונצן אַלערליי,
שפּרינג אין וואַסער, איינס און צוויי.

הענט ניט וואַשן, ציין — ניט רייניקן,
און מיין בעט וועל היינט ניט מאַכן,
פּוסט און פּאַס וועל איך מיר גיין
און פון יעדן זיך אויסלאַכן.

פון ש. דאַווידמאַן

ד ע ר   ג ר ו י ס ע ר   צ י ר ק

(אַ קעמפ-שול סצענע)   פון שלוימע דאווידמאן

(בינע : גרויסער פֿאָרהאנג מיט אויסגעשאָלטע פארשידענע
כאַיעס.א גרויסער אויפשריפט אין א האלבער לעוואָנע. "
דער גרויסער צירק ".עס הערט זיך א טרומייטן-שפיל.עס
קומט ארויס דער פאיאץ מיט א בייטש אין דער האנט.נאָך
יעדן ארויסטריט פון א כאַיע,הערט זיך א טרומייט אָדער
אָרקעסטער- שפיל.מע קאָן נוצן א וויקטראָלע הינטער די
קוליסן.)

פאיאץ : (אין פאיאצן-קליידער)כאַיעס דארפן זיין
אין וואלד,אויף בוים,אויף צווייגן.קומען זיי אין שטאָט
,איז באלד פארשפארן זיי הינטער שטייגן ;כאַיעס קאָנען
פריי ניט זיין,שארפע ציין און נעגל;כאפן זיי א מענטש
ארײַן,דערשטיקן זיי ווי פייגל.דערפאר איז מיעס א
שטיק וועלט,ווילד איצט און משוגע; כאַיעס האָבן זיך
פארשטעלט און שלינגען איין די קלוגע !...זעט דעם
צירק,דעם גרויסן צירק,מיט די ווילדע העלדן: יעדע כא-
יע מיט איר שטריך,מיט רעספעקט צו מעלדן !(גייט אוועק
אין א זייט.עס קומט ארויס דער לייב מיט א לייב-
טכויר קאָסטיום.)

לייב : איך בין די שטארקסטע כאַיע אויף דער וועלט!
איך בין פון שטאָט און וואלד דער העלד.איך שלינג דאָס
פלייש פון קינד און מענטש;איך טרינק דאָס בלוט און
גאָט איך בענטש !(שטעלט זיך אוועק אין א זייט.)

בער : (קומט ארויס אין בער -קאָסטיום)איך שריי מעכ
טיג מיט מיין קאָל.מיין לאפע פאלט אויף יעדן שווער !
איך הערש אויף בארג און הערש אין טאָל : ציטערט !
דאָס בין איך דער גרויסער בער ! איך צעקוועטש דאָס
מענטש - געביין.איך זויף און זופ פון פֿאָלק דאָס בלוט!...

איך בין דער בייזער אונטערדריקער. און מיט מיינע
שארפע ציין צערייס איך יעדערן אויף שטיקער!
(שטעלט זיך אין א זייט)

וואָלף : (אין וואָלף - קאָסטיום ,קומט אריין)
איך פיר אָן א שפיל,ווי אין גאָלף,איך בין דער וואָלף.
איך בין אין שטאָט,נאָר איך קום פון וואלד ;ווער עס
שטעלט זיך מיר אנטקעגן,פרעס איך גלייך אָרט אויף באלד!
((שטעלט זיך אין א זייט

שלאנג : (אין שלאנג-קאָסטיום,קומט ארויס)איך
בין אויף וועלט די גרעסטע שלאנג.איך בין אויף וועלט
די העלדין פון מאכן קראנק די מענטשן מיט מיין גיפט :
מיט וואָרט און בילד און ליד !...זאָלט איר בענטשן
גאָט און מיך אויף יעדן שריט און טריט !
(גייט אוועק אין א זייט)

פוקס : (קומט אריין אין פוקס -קאָסטיום) קינדער,
גלאָצט מיט די אויגן פרום,זאָגט,אז איך בין אומעטום ;
אלע אינאיינעם קוקט צום הימל,מאכט ניט אָן קיין גרויסן
טומל !...עס ווארט א " יענע וועלט " אויף אייך.דאָרטן
וועט א י ר ווערן רייך ! זאָגט-זשע אליין אָ מ י ן!...
אלע : (כאיעס און מיטשפילער) אָ מ י ן !...
(שטעלט זיך אוועק אין א זייט)

אָדלער : (אָדלער - קאָסטיום,קומט ארויס פליענדיג)
איך ווינק צו יעדן מיט אן אייגעלע ,ווי אן אומשולדיג
פייגעלע.איך האָב געלייגט א פיין אייעלע,ברייננגט עס
רייכע א מאטבייעלע.איך פלי מיר אויך און ס'איז מיר
גוט;

(שטעלט זיך אין א זייס.)

פיאורקע : (אין א פיאורקע - קאָסטיום.קריכט ארײן) וואָס טויג מיר אייער צירקן- שפיל,איך האָב פאר דעם ניט קיין געפילז. איך זוך א ניי געשעפט,ביזנעס מיינע גייען שלעכט!...א מילכאָמע -געשעפט פאר פראָפיטן! גע- שעפטן צו פארשפרייטן!...שיקט,שיקט ארויס די קנעכט!...
(שטעלט זיך אין א זייס.)

אמוניציע-מאגנאט : (יאשטשערקע- קאָסטיום, מיט ביק- סלעך אין דער האנט,קומט ארויס) ביקסלעך וועלן מיר שטענדיג גרייטן,שלאכטן דאָ פארשפרייטן! לערנט זיך גוט שיסן,וואָס מער בלוט פארגיסן !... פון בלוט א סאך ווערט א טייך ,ווערן מיר דאן זייער רייך!...(עס קומען ארויס קינדער מיט ביקסלעך אין די הענט. די כאיעס שטעלן זיך אויס ווי קאָמאנדירן לעבן די קינדער, זיי גיבן באפעלן)

כאיעס : איינס,צוויי ,מארשירט אין ריי,איינס , צוויי,מארשירט אין ריי,שיסט נאָר גוט,פארגיסט מער בלוט ! סיי- ווי - סיי ניטאָ פאר אייך קיין ברויט ! ניט געקארגט קיין בליי און שרויט,שיסט אין סוינע, שיסט אויף טויט ! סיי- ווי - סיי ניטאָ פאר אייך קיין ברויט !...איינס,צוויי,מארשירט אין ריי,איינס, צוויי, מארשירט אין ריי!...

א קאָל(פון הינטער די קוליסן) : קינדער! די שלאכטן זיינען נאָר פאר די אינטערעסן פון די רייכע ! זיי זאָלן קריגן מער פראָפיטן,ווערן רייכער ! מיר גיבן אוועק אונזערע לעבנס אומזיסט ! דער פאשיזם פארשפרייט ראסן - האס און מילכאָמעס ! נידער מיט פאשיסט ! נעמט די ביקסן אין די הענט ארײן און פארטרייבט די כא- יעס אין וואלד ארײן !...(קינדער דרייען זייערע

ביקסן אויס קעגן די כאַיעס)

קינדער: כאַיעס, אין צירק אריין, כאַיעס אין די שטייגן!... (פאָרהאַנג) (געדרוקט אין "קינדער-ווינקל", "מ.פ" אַרום 1939, געענדערט, 1951)

געשיכטעס פאַר גרויס און קליין

